# תורת יואל

גליון מס' 29

אידיש

## מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

פרשת ויקרא תשפ"ה

## ויקרא אל משה וידבר אליו מאהל מועד לאמוה.

רש"י: **צא ואמר להם דברי כבושים** טייטש: השי"ת זאגט פאר משה רבינו גיי ארויס צו די אידן און זאג זיי מוסר רייד, **בשבילכם הוא מדבר עמי**, וועגן ענק טוה איך רעדן מיט דיר משה, ווייל די גאנצע 38 יאר האט השי"ת נישט גערעדט מיט משה רבינו, עכלה"ק.

פרעגן אלע מפרשים, וואספארא מוסר רייד איז דאס? אדרבה, ס'איז א גרויסע כבוד פאר די אידן אז וועגן זיי רעדט השי"ת צו משה רבינו, ווי אויך פרעגט דער רבי, פארוואס האט אויסגעפעלט איבערצוחזר'ן **כל התורה והמצות** אין אוהל מועד?

רביה"ק אין **ספר תורת יואל**, פארענטפערט די קשי' אויף 10 אופנים, מיר ברענגען דא 3 תירוצים.

**תירוץ א'**, אז ביים חטא העגל האט משה געטענה'עט אז די תורה איז געגעבן געווארן נאר פאר עם, ווי דער מדרש זאגט **לי צוית ולא להם** פאר מיר האסטו געזאגט **לא יהי' לך אלהים אחרים**, אז מ'טאר נישט מאכן אנדערע אפגעטער, במילא קענסטו נישט שטראפן די אידן, אזוי האט משה רבינו געוואלט אראפנעמען דעם צארן פון השי"ת אויף די אידן.

פאר די סיבה האט דער באשעפער יעצט איבערגעחזר'ט די גאנצע תורה פאר די אידן אין אוהל מועד, דוקא פאר די אידן'ס וועגן, ווייל מיט דעם האט השי"ת געוואלט ווייזן די אידן, אז די **תורה מיט אלע הזהרות** איז יא געגעבן פאר אלע אידן צוגלייך, קומט אויס אז די אידן האבן יא געזינדיגט ביים חטא העגל, און דאס איז געווען די **דברי כבושים**, **בשבילכם** וועגן די אידן, האט השי"ת איבערגעזאגט די תורה אין אוהל מועד, כדי אפצוווארפן משה רבינו'ס טענה אז נאר פאר אים האט השי"ת געגעבן די תורה.

**תירוץ ב'**, מיט א גמרא אין מסכת סוטה (ה' ב) וואס טייטש אויס דעם פסוק אין תהילים: **זבחי אלקים רוח נשברה**, השי"ת האט ליעב א צובראכן הארץ, א עניו, זאגט די הייליגע גמרא, א מענטש וואס האלט זיך קליין, איז ווי גלייך ער האט מקריב געווען אלע קרבנות.

פיהרט אויס דער רבי, משה רבינו איז געווען **עניו מכל האדם**, משה האט נישט געדארפט מקריב זיין קרבנות **בפועל**, ווייל מיט זיין ענוות איז ווי גלייך ער איז מקריב געווען אלע קרבנות, אבער כלל ישראל איז נישט געווען אין אזא מדריגה ווי משה רבינו, אין די אידן דארפען יא בפועל מקריב זיין די קרבנות, און דאס איז געווען די **דברי כבושים**, **בשבילכם** וועגן די אידן, מוז השי"ת זאגן די פרשה פון די קרבנות.

**תירוץ ג',** די גמרא אין מסכת מנחות (ק' א) **כל העוסק בתורה כאילו הקריב עולה ומנחה חטאת ואשם,** די אמורא רבא האלט, אז דאס איז נישט נאר **כאילו:** כמעט אזוי נאר לערנען תורה איז ממש ווי מקריב זיין קרבנות.

איז דער רבי מסביר, אז דאס איז נאר ווען איינער לערנט **תורה לשמה,** דענסטמאל הייסט עס ווי מקריב געווען קרבנות, נישט יעדער וואס לערנט תורה הייסט ווי גלייך ער איז מקריב קרבנות.

## דברי זכרון:
## הרה"ח אברהם חיים פילאפף ז"ל

**ח' ניסן איז די יארצייט פון אונזער אומפארגעסליכן זיידע הרה"ח אברהם חיים בן יקותיאל פנחס הכהן ז"ל, וועלן מיר ווידמען עטליכע פאראגראפן לכבודו.**

דער זיידע איז געווען א פלאם פייער צו **עבודת הד'** און צו יעדע **מצוה,** מיט איידעלע שטריכן פון **ענווה** און **יראה,** אפי' וואוינענדיג אין מאנטעווידעא ווייט פונעם רבי'ן, דאך איז ער געווען מקושר בעבותות אהבה, און דעם רבי'ן'ס ווארט האט דיקטירט זיין לעבנסגאנג, יום יום.

פונדערוויטנס האט ער ארויסגעהאלפן דעם רבי'ן, די מוסדות און דעם רבי'ן'ס צדקה צוועקן, מיט אייגן געלט און דורך מאכן אפיעלס, צו שאפן געלט פארן רבי'ן'ס צרכים, כאטש די דארטיגע קהילה איז נישט געווען דייקא סאטמאר געשטימט, ווי מען זעט פון די בריוון וואס דער רבי האט געשיקט און באדאנקט אים פאר זיינע פעולות.

כד הווינא טלי' אין דעם ווייטן זיד-אמעריקע, געדענק איך ווי מען פלעגט ארויף גיין אויף קידוש שבת צופרי', און דער זיידע פלעגט ארויסנעמען פון פריזעה, קוגעל אדער פערפל שריים פון הייליגן רבי'ן, און דאס געגעסן בדחולי ורחומי.

אין די כ' יארן, פלעגט ער יערליך **חצי אלול** איבערלאזן זיין פאבריק און אלע זיינע געשעפטן, טראץ די שוואכע קאמיוניקאציע פון יענע תקופה, און געקומען קיין נ.י. ביז נאך **שמחת תורה,** און דאס זעלבע שפעטער ביים ברך משה, מרגליה בפומי, אויף די הייליגע טעג פארט מען צו אן ערליכען איד.

אין די יארן פון תשל'-ל"ב ווען דאס ניי שטעטל - **קרית יואל,** האט זיך אנגעהויבן קאכן אונטערן טיש, כידוע, איז דער זיידע מיט זיין שותף הרה"ח ר' שמעון ווייס ז"ל, אנטקעגן געקומען דעם רבי'ן מיט א געוואלדיגע סכום צו קענען קויפן די לאטס פארן שטעטל, דער רבי' האט זיי געבענטשט מיט אסאך ברכות, און צוגעלייגט אז אזוי ווי דער סדר איז אז מען לייגט א טאוועל לזכרון, יעצט איז נישט שייך קיין פרסום, ווי פארשטענדליך, <u>אבער אין יעדע בנין של תורה וואס גייט געבויט ווערן אין דער שטעטל ביז ביאת המשיח וועט איר האבן א חלק.</u>

בערוב ימיו, וואוינענדיג אין אמעריקע האט ער אויסגענוצט די צייט בלימוד התורה, און ארויסגעהאלפן די **מוסדות קרן הצלה** און **יטב לב,** צו שאפן גרעסערע נדבות, אין ארויסגעהאלפן אידן פריוואט, מיט זיין שותף לדבר מצוה, להבלח"ט דער פשעווארסקער רבי שליט"א, וואס האט נאך דאן געוואוינט אין וויליאמסבורג.

דרייסיג יאר לפטירתו, האט דער זיידע זוכה געווען אז מען האט לעילו נשמתו איבערגעדרוקט די מערסטע אויטענטישע חדושי תורה פון רביה"ק, באקאנט אלץ **די שווארצע בענדער,** אונטערן נאמען **תורת יואל,** עס זאל זיין שפתותיו דובבת לעילו נשמתו, ולזכות כל יוצאי חלציו.

**בייגעלייגט א מכתב ברכה, וואס רביה"ק האט געשיקט דעם זיידן, בשנת תשי"ג.**



ב"ה, ב' דסליחות תשי"ג

שלוכט"ס לכבוד ידידי הרבני הנגיד הנכבד יקר ונעלה מו"מ בתו"י כש"ת מוה"ר **אברהם חיים בן בריינדל** נ"י.

אד"ש מכתבו והפתקא עם הפ"נ סך עשרה דולר נכון הגיעני, ואני תפלתי בעדו ובעד ביתו שהשי"ת יהי' בעזרו ויצליחהו בכל עניניו ויתפרנס בניקל ובריוח, ותזכו לרב נחת מכיו"ח ותתברכו בשנה טובה ומבורכת וימלאו כל משאלותיו לטובה.

כאו"נ ולו"נ ידידו דו"ש באה"ר

**הק' יואל טייטלבוים**

מכתב קודש פון רביה"ק זי"ע צו הרה"ח ר' אברהם חיים הכהן פילאפף ע"ה

משה רבינו איז געווען אויף די הויכע מדריגה פון לערנען **תורה לשמה,** משה האט נישט געדארפט מקריב זיין קרבנות **בפועל,** ער האט דאס געקענט טהון מיט לערנען תורה, די אידן אבער זענען נישט געווען אויף די מדריגה, פאר זיי האט השי"ת געדארפט זאגן די פרשה פון קרבנות, אין דאס איז געווען די **דברי כבושים, בשבילכם** ווייל איר זענט נישט אויף די מדריגה, מוז השי"ת זאגן די קרבנות צו קענען מקיים זיין בפועל.

***הערות הקורא - לפרשת פקודי***

אין ספר **מאור ושמש** סוף פ' ויחי שטייט אז מ'זאגט **חזק חזק חזק,** דריי מאל <u>חזק</u> איז בגימטרי' <u>משה</u>, עיי"ש א לענגערע הסבר די שייכות <u>חזק</u> צו <u>משה רבינו</u>.